בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תרומה תשפ"א** **שבת זכור** **משנכנס אדר מרבין בשמחה** **גליון 589 [שנה י"ג]**

**די קדושה פון בית הכנסת איז משפיע אויף זיך און די קינדער**

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם: (כה ח) זאגט רש"י וְעָשׂוּ לִשְׁמִי בֵּית קְדֻשָּׁה, צו פארשטיין פשט אין רש"י, לויט וואס איך האב געטייטשט דער פסוק מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל: (במדבר כד ה) אז די אֹהֶל יַעֲקֹב און מִשְׁכַּן יִשְׂרָאֵל זענען אונזער הייליגע ביהכ"נ און ביהמ"ד, די שולן, וואס דורך אונזער דאווענען און לערנען דארטן, זענען זייער השפעה גוט פאר אונזער קינדער כדי צו אריינברענגען קדושה אין שטוב, און מַה טֹּבוּ, ווייל עס שטייט אז טוב מיינט תורה, דאס קען זיין פשט אין רש"י וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ, די שולן זאלן געמאכט ווערן כדי צו מאכן פאר דיר א בֵּית קְדֻשָּׁה. אין דיין שטוב, און מען קען אויך צולייגן צודעם לויט וואס שטייט פון הייליגן ישמח משה און הגה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זצוק"ל צו מפרש זיין דער פסוק לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי יִרְאַת ה' אֲלַמֶּדְכֶם: (תהלים לד יב), וואס לכאורה וואלט געדארפט שטיין בואו בָנִים שִׁמְעוּ לִי, קומט קינדער און הער, און נישט גייט קינדער און הער? נאר דוד המלך לערנט אונז אז בשעת מען זיצט אין שול און מען לערנט און הערט א שיינע דרשה, ווערט מען אנגעווארעמט, אבער דער עיקר דארף זיין לְכוּ בָנִים, ווען מען גייט אוועק פון שול זאל די יראת שמים און ווארעמקייט בלייבן מיט דיר עכדה"ק. דאס מיינט וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ, א הייליגע פלאץ, די בתי כנסיות ובתי מדרשות, וואס זיי זאלן משפיע זיין אויפן מענטש קדושה ויר"ש, אבער עס זאל נישט נאר זיין ווען מען איז דארט, נאר וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, דער יראת שמים זאל רוהען אין אייך נאכן ארויסגיין, און וְעָשׂוּ לִשְׁמִי בֵּית קְדֻשָּׁה, און עס זאל בלייבן מיט אייך די יראת ה' כל הימים. [מען קען זאגן א בית מיינט א קבע המו"ל] (תולדות חיים הגאון ר' חיים מאיר ברוין)

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם: (כה ח) מען קען מרמז זיין לויט די גמ' (סוטה ה א) אז דער אויבערשטער רוהט נישט די שכינה אויף א בעל גאה ווייל תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב (משלי טז ה), ממילא מִקְדָּשׁ איז בגימ' "משכן דַל", וְעָשׂוּ לִי מען זאל זיך האלטן קליין ווי א דל, ממילא וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם: (בן לאשרי הגה"ק ר' יצחק הוברמאן זצוק"ל המקובל מרעננה)

**די ענין פון די עצי שטים עומדים**

וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים: (כה ט) זאגט רש"י וַעֲצֵי שִׁטִּים: וּמֵאַיִן הָיוּ לָהֶם בַּמִּדְבָּר, פֵּרֵשׁ רַבִּי תַּנְחוּמָא, יַעֲקֹב אָבִינוּ צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁעֲתִידִין יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת מִשְׁכָּן בַּמִּדְבָּר, וְהֵבִיא אֲרָזִים לְמִצְרַיִם וּנְטָעָם, וְצִוָּה לְבָנָיו לִטְּלָם עִמָּהֶם כְּשֶׁיֵּצְאוּ מִמִּצְרַיִם (תנחומא ט). רש"י איז מְגַלֶּה אז די עֲצֵי שִׁטִּים קומט פון דיביימער וואס יעקב אבינו האט איינגעפלאנצט אין מדבר. שטייט ווייטער אין די פרשה (כו טו) וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים: פרעגט רש"י וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים. עס וואלט געדארפט שטיין 'וְעָשִׂיתָ קְרָשִׁים', פארוואס שטייט "הַקְּרָשִׁים"? און ענטפערט ווייל די זענען די אויסגעצייכנטע וואס זענען געווען אנגעגרייט פאר דעם פון יַעֲקֹב אָבִינוּ, שֶׁנָּטַע אֲרָזִים בְּמִצְרַיִם, וואס יעקב אבינו האט איינגעפלאנצט אין מדבר, כדי עס זאל זיין גרייט שפעטער: לכאורה רש"י וואלט דאס נישט געדארפט איבער חזר'ן דא, נאר ווייל עס איז געווען שווער די ווארט "הַקְּרָשִׁים" מוז ער דאס זאגן. אבער מען קען זאגן א אנדער סיבה, ווייל עס שטייט אין די גמ' (סוכה דף מה ע"א) כל המצות כולן אין אדם יוצא בהן אלא דרך גדילתן שנאמר עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים תניא נמי הכי עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים שעומדים דרך גדילתן וכו' דבר אחר עֹמְדִים שעומדים לעולם ולעולמי עולמים. פון דער מאמר חז"ל לערנט מען צוויי זאכן אז די קרשים האט מען געמוזט שטעלן לויט ווי עס איז געוואקסן פון אונטן אויף ארויף, און אויך אז די האלץ וועט שטענדיג בלייבן ביז היינטיגן טאג. דעריבער חזר'ט איבער רש"י דעם דרש, לויטן כלל פון שנה עליו הכתוב לעכב: אזאך וואס די תורה חזר'ט איבער איז צו באווארענען אז אזוי דארף זיין, און אויך אריינברענגען אין כלל ישראל אמונת ה' צו גלויבן אז די האלץ וועלן בלייבן לעולמי עולמים. (שמח זבולון תשפ"א)

**דיוקים אין מגילת אסתר: משתה ושמחה אדער שמחה ומשתה?**

יז וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה. יח וְהַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשָׁן נִקְהֲלוּ בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר בּוֹ וגו' וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה יט עַל כֵּן הַיְּהוּדִים הַפְּרָזִים הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ. כא לְקַיֵּם עֲלֵיהֶם לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְאֵת יוֹם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה. וגו' לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים. (ט יז–כא) אינטרעסאנטע דיוקים זענען דא אין די פסוקים: פסוק יז שטייט וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה. שטייט פריערט מִשְׁתֶּה און נאכדעם שִׂמְחָה, אין פסוק יח שטייט אויך אזוי וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, אבער אין פסוק יט שטייט שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ, פריערט שִׂמְחָה און נאכדעם מִשְׁתֶּה? נאך א דיוק, דא לייגט מען צו עס איז א יוֹם טוֹב וואס אין די אנדערע פסוקים דערמאנט מען נישט עס איז א יוֹם טוֹב? נאך א דיוק אז עס שטייט דא אויך וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ און נישט וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים, און אין פסוק כא שטייט לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, "וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים" סיי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת און סיי מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים? אויך איז שווער אז אין פסוק כא שטייט מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה פריערט מִשְׁתֶּה און נאכדעם שִׂמְחָה? לגבי יו"ט איז פשוט לויט וואס עס שטייט אין גמ' (מגילה דף ה ע"ב) אז מרדכי האט באמת געוואלט עס זאל זיין א יו"ט אבער מען האט דאס נישט מקבל געווען, און פורים איז מותר בעשיית מלאכה און אזוי שטייט אין רמב"ם (פ"ב מגילה הי"ג) מצות יום י"ד לבני כפרים ועיירות ויום ט"ו לבני כרכים להיותן יום שמחה ומשתה ומשלוח מנות לריעים ומתנות לאביונים. ומותר בעשיית מלאכה. ממילא ביי יו"ט קען נאר זיין וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ, אבער מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים קען מען נישט ווייל דאס איז געלט פאר די ענִיים. אבער ווען מען האט נישט מקבל געווען פורים פאר א יו"ט, שטייט "וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים". און ווי עס שטייט די ענִיים האבן שוין געווארט אויפן פורים צו באקומען געלט. לויט דעם שטייט אין ספרים אז דעריבער שטייט אין פסוק יט שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב ווייל אויב עס איז א יו"ט איז די שמחה מטעם יו"ט, זיך פרייען מיטן יו"ט, און נישט מטעם מִשְׁתֶּה, דעריבער שטייט פריערט שִׂמְחָה און נאכדעם מִשְׁתֶּה ביי יו"ט, וואס די שתיה וועט נישט זיין דער עיקר, אבער חז"ל האבן געוואלט אז דער עיקר פורים זאל זיין א שמחה פון טרינקען, חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידע, איז דאס א שמחה פון שתיה און נישט א שמחה פון יו"ט, דעריבער שטייט פריערט מִשְׁתֶּה און נאכדעם שִׂמְחָה, אז דער מִשְׁתֶּה איז דער עיקר שִׂמְחָה אין פורים. ודו"ק. (שמח זבולון תשפ"א)

# מדור העובדות

## די אהבת ישראל פון צדיקים צו מתקן זיין א נשמה

הרה"ח ר' יוסף כ"ץ פון זוואנישיק איז געווען פון די דערהויבענע חסידים פון הרה"ק ר' מרדכי שרגא פון הוסיאטין דער זון פון הייליגער ריז'ינער זצוק"ל, ער האט דערציילט אז איינמאל א פרייטיג צו נאכט'ס פארן אריינגיין צום טיש האט ער געקומען רופן דעם רבין צו קומען צום טיש, אבער ער זעהט ווי דער רבי קוקט ארויס פון פענסטער צום הימל און איז פאר'דביקות אזוי ווי ער איז אין א אנדער עולם, ער איז געווארן דערשראקן און ער האט נישט געוואלט צו שטערן דעם רבין פון זיין דביקות, און איז געשטאנען פון דערווייטענס. נאך א שטיק צייט קומט אריין דער משמש ר' פייוויל, א תמימות'דיגן איד, און גייט צו צום רבין און זאגט אים אז דער עולם ווארט שוין און מען דארף שוין גיין, אבער דער רבי איז נישט אויף דעם עולם, און מאכט זיך נישט וויסנדיג פון אים, און ר' פייוויל מוז ווארטן, ענדליך האט זיך דער רבי אויף געכאפט, און געזאגט פון זיך אליין אז מען גייט שוין צום טיש, ווען דער רבי האט מיר געזען רופט ער זיך אן איך וועל דיר דערציילן א מעשה:

איינמאל איז הרה"ק ר' נחום פון טשערנאביל דער הייליגער מאור עינים זצוק"ל געפארן קיין מעזיבוז זיך צו טרעפן מיטן הייליגן ר' ברוך'ל ממעזיבוז זצוק"ל, דער אייניקל פון הייליגן בעש"ט זצוק"ל. עס האט זיך פארשפעטיגט און איז אנגעקומען קיין מעזיבוז ערשט אנפאנג די נאכט, ר' נחום האט געזאגט זיין משמש אז ער זאל גיין זוכן א אכסניא ווייל ער וויל זיך אנטאן שיין פון די וועג, און נאכדעם וועט מען גיין זיך טרעפן מיט ר' ברוך'ל, דער משמש האט געטראפן אן אכסניא און געגאנגען מודיע זיין ר' ברוך'ל אז ר' נחום וועט באלד זיין ביי אים.

ווען ר' נחום איז אנגעקומען האט ר' ברוך'ל זיך אויפגעשטעלט פון בענקל און געגאנגען מקבל פנים זיין ר' נחום און מען האט זיך ווארעם געגעבן שלום, און זיך געזעצט צום טיש, ר' ברוך האט אים געפרעגט ווי אזוי איז געווען די וועג אהין? האט ר' נחום געענטפערט זייער גוט, האט ר' ברוך אים געפרעגט אויב אזוי וואס איז געשען אויפן וועג אהער אז איר האט זיך פארשפעטיגט? האט ר' נחום געזען אז ר' ברוך האט מרגיש געווען, און הויבט אן דערציילן:

באמת האב איך טאקע געדארפט אנקומען אסאך פריערט, נאר אינמיטן וועג, וואס איז געווען א גלייכע און אויסגעפלאסטערטער וועג, ווען פלוצלינג שטעלן זיך אפ די פערד און פארן נישט ווייטער, האט איך געהייסן דעם בעל עגלה ארויסגיין פון וואגן און קוקן אפשר איז דארטן דא א שטרויכלונג און די פערד קענען נישט ווייטער פארן, אבער דער בעל עגלה זעהט גארנישט, און דער בעל עגלה שמייסט די פערד אבער זיי רוקן נישט פון ארט! האב איך פארשטאנען אז עפעס טוט זיך דארט בין איך אליין אראפ פון וואגן און איך זעה א נשמה שטייט אין וועג און די פערד האבן אים געזען, און נישט געוואלט אים איבערפאהרן, האב איך געפרעגט די נשמה פארוואס קומסטו מיר שטערן? האט דער נשמה געזאגט איך בין דיר געקומען איבערבעטן, און איך האב נישט קיין מנוחה אין הימל ביז דו וועסט מיר מוחל זיין! פרעגט אים ר' נחום וואס האסטו געזינדיגט? האט די נשמה געענטפערט, ווען עס איז געווען די גרויסע מסירה אויף אייך ביים מלכות, האב איך געהאט א שטארקע חלק אין דעם, און איך בעט מחילה פארדעם, האט ר' נחום געענטפערט: איך בין דיר מוחל אויף דעם, האט די נשמה ווייטער געזאגט, איך האב אויך געהאט א גרויסע חלק אין דעם וואס דער רבי איז געזעצן אין תפיסה צוליב מיר, האט דער רבי געענטפערט אויף דעם בין איך דיר אויך מוחל, ווייל עס שוין אריבער פון דעם א לאנגע צייט, האט די נשמה ווייטער געזאגט איך האט נאך אזאך געטאן, איך האב בארעדט דיין אייניקל די צדיקת חוה און מוציא שם רע געווען אויף איר, אהא! אויף דעם בין איך דיר נישט מוחל! האט די נשמה מיר שטארק אנגעכאפט און געוויינט און געבעטן איך זאל רחמנות האבן אויף אים, בין איך געווארן בייז אויף אים און אים אנגעכאפט און אים פארשיקט צו די הרי חושך, און אזוי האבן די פערד שוין געקענטט פארן און דעריבער האב איך זיך אסאך פארשפעטיגט!

ר' ברוך'ל הערט די מעשה און רופט זיך אן: די וועלט זאגט דאך אז איך בין "א בייזע גוטער איד" און אויף אייך זאגט די וועלט אז איר זענט "א גוטער-גוטער איד", היתכן אז איר זענט מפקיר א נשמה אין די הרי חושך און איר גיט אים נישט קיין תיקון? עס קען נישט זיין אזאנ'ס, קומט און לאמיר זיך ביידע אנטאן אונזער אויבער ראק און מיר וועלן גיין אפזוכן די נשמה און אים געבן זיין תיקון, ר' נחום האט געזאגט: איר האט רעכט און מיר וועלן דאס גיין טאן, דאס האט דערציילט דער הייליגער הוסיאטינער, דעריבער בין איך געשטאנען ביים פענסטער און געקוקט פאר יענע נשמה ביז איך האב אים געטראפן אז ער איז שוין במנוחה, און די צדיקים האבן אים מתקן געווען, און ערשט נאכדעם האב איך געקענט גיין צום טיש.

האט ר' יוסף אויסגעפירט די גדלות פון די אהבת ישראל פון די צדיקים, סיי די שטארקע ווערטער פון ר' ברוך'ל צו דער מאור עינים וואס צוליב דעם האבן זיי איבערגעקערט וועלטן אז א נשמה זאל האבן זיין מנוחה, און אז דער רבי פון הוסיאטין האט נישט גערוהט ביז ער האט געזען אז די נשמה איז שוין פאראכטן! זיע"א.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה

די שענסטע מתנה פאר פורים איז א אלטע ספר אדער א בריוו פון א גדול, מיר האבן א שיינע אויסוואהל

ספר מכתבי קודש באבוב $100, שו"ת חת"ם סופר וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' שלום משאץ מיט הגהות פון זיין ברודער און זון און אויך איידעם דער וואודיסלאוו רבי, מחזור פון מונקאטש רבי שליט"א וואס ער האט גענוצט אלץ בחור, סידור ישועות ישראל שהתפלל בו הרה"ק ר' יעקב יוסף מספינקא $1500, ספר שייך להגה"ק ר' אברהם חיים הורוויץ מפלאנטש חמיו של הדברי יואל מסאטמאר, וגם לבנו ר' משה עם כתב יחוס, צוויי בריוו פון מלאך תרצ"ד טיפע חסידות צו זיין זון $4500 ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, מדרש רבה שקיבל הרה"ג ר' זאב וואלף טירנויער מאת הרה"ק ר' יהוסף הלוי ר"ב בעל אור מלא מקאסאן, ספר רחמי האב שלמד בו הרה"צ ר' יואל זוסמאן מערץ זצוק"ל עם חתימתו, ספר משיב נפש עם הקדשה ארוכה מהגה"ק מצעהלים חוסט תרע"ג, אגרות משה עם הקדשת המחבר הגאון ר' משה פיינשטיין, ספר ישועות יעקב עם כמה חתימות ר' נתן נטע לנדא מאושפיצין והגה"ק ר' בצלאל שמעון ניימאן בעל פנינים יקרים ועוד, כמה ספרים שייכים להרה"ג ר' משה ארי' פריינד מנאסאד, ספר מן המצר שייך להגה"ק ר' איציקל מפשעווארסק. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר ספיח קציר בארדיטשוב תרס"ב עם הסכמת השטעפענישט הרה"ק ר' אברהם מתתיהו בהרה"ק ר' מרדכי שרגא, ברענגט חסידישע תורות פון צדיקים זייער נדיר, 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא, 2 פסקים כת"י און חתימות פון הגאון ר' עקיבא איגר, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להרה"צ ר' יהודה צבי אייכנשטיין נכד הרה"ק ר' אשר ישעי' וחתן הרה"ק ר' ישראל צבי מקאסאן הי"ד, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, אסאך ספרים פון דער משפחה ביי אונז, בריוו פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, ר' ברוך בער, מהגאון ר' שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאס, נאוואמינסק, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא ביי אונז, מיר שיקן דאס ארויס אימייל יעדן וואך מיטן פרדס יהודה

מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און מחצית השקל פאר פורים און פאר פדיון נפש און אויך אלטע געלט